# תיקון גדול מתקנים שם! נייער גאָר מהודר׳דיגער עירוב אין די גאַנצע סביבה באַוואונדערט דורך יעדן

צום ווידער-עפענונג פונעם כלל ישראל שול צום פרישן זומער-סעזאָן, ווערן די מתפללים און די איינוואוינער פון די אַרומיגע קאָנטרי׳ס נתבשר די בשורה טובה ומרנינה, איבער דעם תיקון גדול וואָס מ׳האָט ב״ה מצליח געווען איינצופירן אויף דער אינציאַטיוו פונעם ניקלשבורגער רבי׳ן שליט״א, נעמליך אַהערצושטעלן א גאָר מהודר׳דיגן עירוב אין די גאַנצע געגענט אַרום, וואָס וועט שטאַרק בייהילפיג זיין פאַר די מתפללים און אַרומיגע תושבים צו קענען טראָגן און ברענגן אָן קיין שום פקפוקים.

די געגענט אין וואודבוירן, אַרום דעם כלל ישראל שול איז שוין אויך ביז היינט געווען אַרומגענומען מיט אן עירוב. אָבער דער עירוב איז שוין געבויט געוואָרן אַסאַך יאָרן צוריק, און עס האָט געהערשט א צומישעניש ביים ציבור. מ׳האָט נישט געקענט גענוי אָנווייזן פאַר׳ן ציבור פון וואו און ביז וואו דער עירוב ציט זיך, וואָס האָט – ווי פאַרשטענדליך – געברענגט צו גרויסע מכשולות ל״ע.

זעענדיג פון דער נאָנט דעם גרויסן געברויך, האָט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א זיך אַריינגעלייגט אין די אַרבעט, און במשך די לעצטע חדשים איז דער רבי שליט״א נישט געשלאָפן קיין נעכט. נאָך א טאָג שווערע אַרבעט מחנך צו זיין די ילדי תשב״ר איז דער רבי שליט״א געקומען צו פאָרן קיין וואודבוירן, אָנצוגיין מיט די נויטיגע פראָצעדורן אַהערצושטעלן א גאָר מהודר׳דיגן עירוב.

במשך די גאַנצע צייט איז דער ניקלשבורגער רבי שליט״א געשטאַנען אין נאָנטן פאַרבינדונג מיט פראָמינענטע רבנים גאונים וצדיקים שליט״א, יושבים על מדין, מומחים ובקיאים במקצוע החמורה פון הלכות עירובין, און צוזאַמען האָט מען אויסגעאַרבעט די גענויע דעטאַלן פון דעם נייעם עירוב וואָס איז פלאַנירט געוואָרן אויפצושטעלן.

נאָכ׳ן ערהאַלטן אַלע גענויע אָנווייזונגען האָט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א זיך פערזענליך משתדל געווען אָנצוקלאַפּן על פתחיהם פון די שטאָטישע באַאַמטע כדי צו ערהאַלטן די נויטיגע פערמיטן, און ערשט דערנאָך ווען אַלעס איז שוין געווען לעגאַל מסודר, האָט זיך פריש אָנגעהויבן די פאַקטישע אַרבעט, נעמליך אַהערצושטעלן דעם גאַנצן עירוב אין אַלע אַרומיגע געגענטער, אַריינגערעכענט די גאַנצע סביבה אַרום דעם כלל ישראל שול.

אַצינד איז דער עירוב שוין אַהערגעשטעלט כליל בהדרו והידורו, און די פונקטליכע פרטים, פון וואו און ביז וואו דער עירוב ציט זיך, איז פאַרעפענטליכט אויף די כותלי ביהמ״ד כלל ישראל, ווי אויך איז צוגעגרייט טויזנטער מאַפּע׳ס מיט פונקטליכע אָנווייזונגען פאַר׳ן ציבור ביז וואו דער עירוב ציט זיך, כדי אַז מ׳זאָל קענען נזהר זיין בשמירת שבת כהלכתה.

לערב עירובו.